ב"ה ימות המשיח. עש"ק פר' בהר, כ"א אייר ה'תשס"ו – הי' תהא שנת סגולות ונפלאות

# ווי איין מענטש מיט איין הארץ

לויט 'דבר מלכות' פון ש"פ בהר–בחוקותי ה'תנש"א

נעקסטע שבת וועלן מיר בּענטשן חודש סיון, וואָס דערמאָנט אונז גלײַך מתן תורה, ווי עס שטײט אין דער פּרשה פון נעקסטע וואָך – פּרשת במדבר "בחודש השלישי ביום הזה" וואָס דאָס מײנט ראש חודש – "באו מדבר סיני", אין ראש חודש סיון האָבּן אידן זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן בּאַרג סיני.

עס שטײט וועגן דעם אין מדרש, אַז דער אויבּערשטער האָט געגעבּן די תורה דוקא אין מדבר, אַ הפקר–אָרט וואָס געהערט צו קײנעם נישט, און יעדער אײנער קען קומען און כאַפּן די לאַנד פאַר זיך, אַזוי אויך יעדער וואָס וויל זאָל קומען און בּאַקומען די תורה. און דעריבּער גלײַך אין דעם טאָג ווען זײ זײַנען אָנגעקומען אין מדבר סיני, האָט משה אָנגעהויבּן צוגרײטן די אידן צו מתן תורה, ווײַל דאָס בּאַקומען די תורה איז פאַרבּונדן מיטן מדבר.

## די פראַגע

הפקר איז דער טײַטש אַז דער אײגנטימער פון דער זאַך איז אים מפקיר און גיט יעדערן די מעגלעכקײט צו זוכה זײַן אין אים. אָבּער די תורה איז דאָך נישט קײן הפקר, וואָס מיר דאַרפן איר כאַפּן פאַר אימעצן אַנדערש, די תורה געהערט דאָך צום אויבּערשטן, און ער האָט איר נישט מפקיר געווען חס ושלום, נאָר האָט איר געגעבּן צו יעדער אײנער פון אונז אַלס אַ מתנה זינט דער מינוט ווען מיר זײַנען געבּאָרן געוואָרן. דאָס איז נישט קײן הפקר, דאָס איז אַ מתנה!

און אויבּ–אַזוי פאַרוואָס האָט דער אויבּערשטער אונז געגעבּן די תורה דוקא אין מדבר – אַ הפקר–אָרט? וואָס קומט עס אונז לערנען?

## דאָס אײניקײַט פון אידן

ווען אידן זײַנען אָנגעקומען אין מדבר סיני שטײט "ויחן שם ישראל" (און ישראל האָט זיך דאָרט אָפּגעשטעלט). ויחן לשון יחיד. ווײַל אַלע אידן האָבּן זיך צוגעגרײט "כאיש אחד בלב אחד" (ווי אײן מענטש מיט אײן האַרץ) אויף מקבל זײַן פני משיח צדקנו... אַנטשולדיגט, צו מקבל זײַן די תורה. ווײַל כדי אַז מיר זאָלן בּאַקומען די גרויסע ברכה פון מתן תורה, דאַרפן מיר צום אַלעם ערשטן אַרויסגײן פון זיך.

דאָס הײסט: אונז איז בּאַקוועם צו בּאַזאָרגן שטענדיק זיך, מיר אַלע זײַנען געבּאָרן געוואָרן אַזוי אַז מיר טראַכטן בעיקר וועגן זיך.

מיר דאַרפן אַרויסגײן פון זיך. זאָרגן צו נאָך אימעצן, טראַכטן אויף אים, וואָס מאַכט ער, ווי פילט ער זיך און וואָס קען איך אים געבּן.

אין חסידות רופט זיך עס אָן "ביטול", דאָס הערט זיך אויס זײער אַ הויכע זאַך, אָבּער חסידות רעדט ניט צו צדיקים וואָס שוין הונדערט יאָר דינען דעם אויבּערשטן, נאָר צו יעדערן פון אונז, און בעיקר וועגן מיר. און אַז ס'שטײט אַז מ'דאַרף זײַן אין "ביטול", איז דאָס מײנט אײנפאַך, אַז מיר זאָלן קענען פילן ניט נאָר זיך, נאָר אַז מיר זאָלן טראַכטן אויך וועגן אונזער פרײַנד!

און אַז אַ סאָלדאַט אין צבאות ה' טוט אין דעם ריכטונג, איז ווי איר פאַרשטײט זיכער אַלײן, דער ערשטער זאַך וואָס געשעט איז, ווײניגער קריגערײַ און מחלוקות און מער

פרײַנדשאַפט און אײניקײט.

אַ סאָלדאַט וואָס טראַכט אויף זײַן חבר און עס גײט אים אָן פון אים איז דאָס נישט אויף זײַן חשבון, ער וועט דערפון ניט אָנווערן, ס'וועט אים ניט זײַן ערגער די לעבן. זיכער פאַרשטײט איר אַז ס'איז ניט אַזוי, פאַרקערט, דער אויבערשטער גיט אים אַלעס גוט כדי ער זאָל דאָס אויסנוצן אויף אחדות און שלום צווישן אידן.

אַזוי האָבן זיך אידן צוגעגרײט אויף קבלת התורה, ווײַל דאָס איז אײגנטלעך דער צוועק פון תורה, צו אַראָפּברענגען משיח'ן ער זאָל מאַכן שלום אין וועלט. און איצטער אַז מיר גרײטן זיך צו קבלת פני משיח צדקנו אַלײן, דאַרפן מיר טאָן אויף דעם זעלבן אופן מאַכן שלום אין דעם אידישן פאָלק.

## דער ענטפער

די תורה איז דאָך געגעבן געוואָרן כדי מיר זאָלן ענדערן די וועלט, דעריבער איז זי געגעבן געוואָרן דוקא אין מדבר אַ מקום הפקר, צו לערנען אונז, אַז צוליב באַקומען די תורה דאַרפן מיר אַרויסגײן פון זיך דורכדעם וואָס מיר מאַכן זיך ווי אַ 'מדבר–הפקר', וואָס דער טײַטש דערפון איז, געבן יעדן אידן אַן אָרט אין אונזער האַרץ.

## תכל'ס

דער רבי מלך המשיח שליט"א גיט הוראות וואָס צו טאָן בפועל:

א. מקהיל זײַן קהילות. יעדער שבת, זיצן צוזאַמען און לערנען ברבים. אין מסיבות שבת, וואָס איז געוויס פאַראַן אין אײַער שול אָדער אין אײַער חײדער,

ב. זיך אָנשטרענגען ברענגען וואָס מער קינדער צו עשרת הדברות, אַרויסגײן אין גאַס ברענגען קינדער צום שול און זען אַז די קלײנע ברידער זאָלן קומען.

און דורך דעם וואָס מיר וועלן צוגעבן אין אהבת ישראל, וועלן מיר אַלע לערנען און הערן צוזאַמען די עשרת הדברות, תיכף ומיד וועט די גלות ווערן אויס. ווײַל דאָך צוליב שנאת חינם (אומזיסט פײַנטשאַפט) איז חרב געוואָרן דער בית המקדש, און אַז מיר וועלן צוגעבן אין אהבת חינם (אומזיסט ליבשאַפט) וועלן מיר אַרויסנעמען פון גלות אירע סיבה, דאַן וועט פון איר גאָרניט בלײַבן... און אַלע ברכות פון דער פרשה וועלן מקויים ווערן, "ונתנה הארץ יבולה" אַז ארץ ישראל וועט אַרויסגעבן קלײדער און ברויט און אַלע אומפּרוכטבאַריקע בוימער וועלן מאַכן פרוכטן. און דער רבי שליט"א מלך המשיח וועט צײלן דער גאַנצער אידישער פאָלק די צענטע מאָל.

און פאַרענדיקט דער רבי שליט"א מלך המשיח: "**שתיכף ומיד ממש רואים שמשיח נמצא כבר בינינו, וכל אחד ואחד מראה באצבעו ואומר "הנה זה (המלך המשיח וכבר בא**" (אַז תיכף ומיד ממש זעט מען אַז משיח געפינט זיך שוין צווישן אונז, און יעדערער באַווײַזט מיט זײַן פינגער און זאָגט "אָט איז דער מלך המשיח און ער איז שוין געקומען"), זאָלן מיר זוכה זײַן אַנערקענען אַז דער רבי שליט"א איז דער מלך המשיח און קענען באַווײַזן אים צו אַלעמען און אויסרופן מיט פרײד און שטאָלץ "אָט איז אונזער משיח"! און מיר וועלן זינגען מיט אַ שטאַרקער און אַ גרויסער קול:

יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!


יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק


**ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**

**אין ארה"ק - קינדער: (054) 795-5493, אין ארה"ק - מיידלאך: (054) 646-0770,**

**אין ארה"ב: (718) 290-4444**


עריכה: **בן מנחם** • הגהה רוחנית: **רבנים ואנשי חינוך** • הגהה לשונית: **ב. נחשון** • תורגם לאידיש ע"י **מנחם מענדל פעלדמאן** • יו"ל במסגרת **מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'**